WE ARE YOUR DOL

NEW YORK STATE OF OPPORTUNITY. | Department of Labor

ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס אפטיילונג

# הירינגס פאר
# ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער

די אינפארמאציע איז צוגעשטעלט דורך דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר צו ענטפערן אייניגע פראגעס וועגן אייער פארקומענדע הירינג פאר אן ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער ביי די ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער אפטיילונג.

פאר מער אינפארמאציע, לייענט דער ביכל 'פראגעס און ענטפערס וועגן אייער ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן הירינג' (בויגן TC 424.2), וואס איר האט געדארפט באקומען אין דער פאסט פון די דעפארטמענט אוו לעיבאר. עס איז אויך אוועילעבל אויף http://www.labor.ny.gov/formsdocs/ui/formsandpublications.shtm.

**צו באשיצן אייערע רעכטן** בשעת איר זענט ארבעטסלאז זאלט איר ווייטער באשטעטיגן פאר בענעפיטן און באריכטן פערזענליך ווי אנגעוויזן. סיי וועלכע קארעספאנדענץ פארבינדן מיט אייער קעיס זאל ענטהאלטן דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער קעיס נומער און אייער סאושעל סעקיורעטי נומער.

**ווער איז דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער?**
דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער איז א יושר'דיגע (פעיר) באשליסער וועמענס אורטייל איז זעלבסטשטענדיג פון דער דעפארטמענט אוו לעיבאר. דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער וועט פירן אייער הירינג, פארזיכטיג איבערגיין אלע פאקטן אין אייער קעיס, און דאן מאכן א באשלוס אויב איר (דער קלעימענט) זענט בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן.

**וויאזוי קען איך צוגרייטן פאר דער הירינג?**
איר האט דעם רעכט צו באקומען אן אדוואקאט אדער אנדערע פארשטייער אייך צו רעפרעזענטירן ביים הירינג. אן אדוואקאט וואס רעפרעזענטירט א קלעימענט קען רעכענען א פרייז, וואס איז באגרעניצט לויט'ן געזעץ. א נישט-אדוואקאט וואס רעפרעזענטירט א קלעימענט מעג נישט רעכענען א פרייז אויסער אויב דער נישט-אדוואקאט איז אן אגענט רעגיסטרירט מיט דער אפיעל באורד. פרייזן קענען נאר באצאלט ווערן צום קלעימענט'ס פארשטייערן אויב א קלעימענט באקומט בענעפיטן אלס א רעזולטאט פון א הירינג און דער אפיעל באורד באשטעטיגט דער פרייז. אויב איר קענט זיך נישט ערלויבן צו דינגען אן אדוואקאט, קענט איר מעגליך באקומען איינס אומזיסט דורך אייער ארטיגע לעגאלע הילף סאסייעטי (Legal Aid Society) אדער לעגאלע סערוויסעס פראגראם. פאר א ליסטע פון געזעצליכע הילפסמיטלען, אריינגערעכנט אדוואקאטן, רעגיסטרירטע פארשטייערן, לעגאלע סערוויסעס פראגראמען און אומזיסטע אדוואקאטן ארגאניזאציעס, גייט צו די ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס אפיעל באורד (Unemployment Insurance Appeal Board) וועבסייט ביי www.uiappeals.ny.gov. וועלט אויס די " Helpful Information" (הילפבארע אינפארמאציע) טעב און דאן "Guides and Resources" (גיידס און הילפסמיטלען). וועלט אויס דער "List of Attorneys & Authorized Agents" (ליסטע פון אדוואקאטן און באפולמעכטיגטע אגענטן). איר קענט אויך בעטן דער ליסטע דורך רופן 402-0205 (518). איר האט דעם רעכט צו איבערגיין אייער גאנצע קעיס פייל איידער דער הירינג.

אויב האט איר סיי וועלכע פראגעס, פארבינדט זיך מיטן ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער אפטיילונג אויף
880-3322 (877) אדער דער דעפארטמענט אוו לעיבאר'ס טעלעפאן קלעימס צענטער אויף 209-8124 (888).

**וויאזוי וועט דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער פירן דער הירינג?**
בשעת דער הירינג, וועט דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער:

א. אידענטיפיצירן אלע פארטיס אנוועזנד און שנעל אדורכגיין די פראבלעמען וואס זענען אריינגעמישט;
ב. נעמען עדות פון אלע פארטיס אונטער שווערונג אדער באשטעטיגונג;
ג. אויספרעגן פארטיס און עדות'ן צו באקומען די נויטיגע פאקטן;
ד. ארויסהעלפן פארטיס מיט פרעגן פראגעס פון עדות'ן;
ה. באשטימען איבער וועלכע דאקומענטן אדער באווייזן קענען ווערן אריינגעגעבן אלס באווייז;
ו. ארויסגעבן באפעלן צו ברענגען גילטיגע רעקארדס און פאר מענטשן צו ערשיינען צו זאגן עדות; און
ז. ערלויבן פארטיס צו נוצן דאקומענטן פונעם קעיס פייל ביים פארלייגן זייער קעיס.

**וואס זענען מיינע רעכטן ביים הירינג?**

דורכאויס דער הירינג, האט איר דעם רעכט צו:

א. זאגן עדות פאר אייער טובה;
ב. ברענגען אן אדוואקאט אדער אנדערע פארשטייער אייך צו רעפרעזענטירן;
ג. האבן אנדערע עדות'ן זאגן עדות פאר אייער טובה;
ד. ארייַנלייגן דאקומענטן, רעקארדס און אנדער באוויַיז אין דער רעקארד;
ה. בעטן דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער צו ארויסגעבן באפעלן צו ברענגען דאקומענטן צו ווערן פארגעשטעלט און עדות'ן צו געבן באוויז פאר אייער טובה;
ו. פרעגן פראגעס פון (אדער "קרייץ-פארהערן") קעגנדע פארטיס און קעגנדע עדות'ן;
ז. בעטן דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער אייך ארויסצוהעלפן אויב איר האט שוועריקייטן מיט פרעגן פראגעס;
ח. זיך אפזאגן פון ענטפערן סיי וועלכע פראגעס וואס איר פארשטייט נישט;
ט. ערקלערן אדער אוועקמאכן סיי וועלכע באוויַיז קעגן אייך;
י. פארלאנגען א פארשפעטיגונג (אדער "אפשטופונג,) צו א שפעטערע דאטום פאר א גוטע אורזאך; און
כ. מאכן א דערקלערונג ביים ענדע פונעם הירינג צו ערקלערן פארוואס איר זענט בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן אדער צו ערקלערן פונקטן וועלכע זענען נישט ארויפגעברענגט געווארן אדער קלארגעשטעלט געווארן דורכאויס דער הירינג.

**וואס פאסירט נאך דעם הירינג?**

נאך דעם הירינג, וועט דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער ארויסגעבן דער 'באשלוס און מעלדונג פון באשלוס' וואס וועט אייך מעלדן אויב איר זענט בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן. עס וועט געשיקט ווערן צו אייך דורכ'ן פאסט די שנעלסטע מעגליך נאכן הירינג.

אין דער 'באשלוס און מעלדונג פון באשלוס', וועט דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער באשטימען די פאקטן געפונען פון באוויַיז, די אורזאכן פאר דער באשלוס, און דער באשלוס זעלבסט.

אינפארמאציע אין דער 'באשלוס און מעלדונג פון באשלוס' וועט אויך ערקלערן וויאזוי צו איינגעבן אן אפיעל צו דער אפיעל באורד אויב איר זענט נישט איינשטימיג מיט דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער'ס באשלוס.

אויב איר קענט נישט פארשטיין דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער'ס באשלוס, קענט איר רופן דער דעפארטמענט אוו לעיבאר'ס טעלעפאן קלעים צענטער און פארלאנגען אן ערקלערונג.

***אויב דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער אדער דער אפיעל באורד באשטימט אז איר באקומט צופיל בענעפיטן, וועט איר מעגליך דארפן צוריקצאלן די בענעפיטן.***